די ארבייטער וועלט

אמאלגאמייטעד יוניאן באפעסטיגט איהרע פאזיציעס

יוניאן געווינט פיעלע פונקטען אין נייעם אגרימענט. — לאקאלס פיהרען דורך וואהלען און פארשטארקערען די ארבייט. — שטיק ארבייט ארונטערגענומען פון טאגעס ארדנונג.

אונזערע לעזער זענען שוין באקאנט מיט דער נייעס וועגען דעם אנגענומענעם אגרימענט צווישען דער היגער אמאלגאמייטעד יוניאן און דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דער אגרימענט איז נאך א גרינדליכער דיסקוסיע פון די ארבייטער, גוטגעהייסען געווארען.

אינטערעסאנט זענען אבער פיעלע פונקטען פון אגרימענט, וועלכע זענען געוואונען געווארען דורך שווערע ארבייט פון די יוניאן בעאמטע, וועלכע האבען זיך דערשלאגען צו א פאזיציע וואס איז צום ערשטען מאל געוואונען געווארען.

דער אגרימענט זאגט זיך ארויס קליך פאר א פרעפערענשעל יו־ אפ.

צוהאלטען דעם פרינציפ פון קא־ בארגיינס.

סוכים זאלען געשליכטעט ווערען רביטריישאן.

איז די אויפגאבע צו זעהן, אז ען הערשען פריינטליכע באציהונ־ ישען די ארבייטער און ארבייטס

ז אין לויף פון דער צייט פון אנ־ ענעם אגרימענט זאלען ניט פארקו־ קיינע סטרייקס, לאקאוטס, אדער ענד וועלכער אפשטעל פון ארבייט.

די ארבייטס שטונדען זאלען זיין פיער און פערציג א וואך.

פאר „אווערטיים" זאל געצאהלט ווערען א העלפט פרייז מעהר ווי אין געוועהנליכע שטונדען.

אן ארבייטער זאל ניט קענען אפ־ארבייטען פארלוירענע צייט דורך „אווערטיים".

דער ארביטריישאן קאמיטעט זאל באשטעהן צו צוויי פערזאן פון יעדען צד, וועלכע זאלען ערוועהלען אן אונפארטייאישען פארזיצענדען.

די אויסגאבען פון ארביטריישאן קאמיטעט, אדער פון א מאיאריטעט פון קאמיטעט איז בינדענד פאר ביידע צדדים.

יעדער געקריוודעטער ארבייטער, מוז פארברענגען זיין טענה צום שאפ־טשערמאן, וועלכער גיט איבער די קלאגע צום ביזנעס־אגענט. די קלאגע דארף גלייך פארהאנדעלט ווערען נאך די ארבייטס שטונדען.

אויסער די און א רייהע אנדערע פונקטען, האט די יוניאן געוואונען זעהר א וויכטיגען פונקט אין דעם באנייטען אגרימענט.

י. ראזענבלום, דער היגער ביזנעס־אגענט פון דער יוניאן, האט געשטעלט א פאדערונג, אז דער פונקט 15 פון דעם אלטען אגרימענט זאל געענדערט ווערען אזוי, אז עס זאל דייטליך פעסטגעשטעלט ווערען, אז ארבייט מוז געמאכט ווערען בלויז אין יוניאן שעפער. די פאבריקאנטען האבען זיך אנטשלאסען געשטעלט געגען אזא ענדערונג, אבער צום סוף האבען זיי זיך אונטערגעגעבען.

כדי צו פארשטעהן די גרויסע וויכטיגקייט פון דער ענדערונג, וועט גענוג זיין צו פארגלייכען דעם פונקט 15 אין דעם אלטען אגרימענט, מיט דעם זעלביגען פונקט אין דעם נייעם אגרימענט. אין דעם אלטען אגרימענט ווערט געזאגט:

„פונקט 15. עס ווערט פארשטאנען, אז עס זאל צוזאמענגעשטעלט ווערען א מארקעט קאנטראקט שאפ קאמיטע. וועלכע זאל האבען דאס רעכט אויסצוארבייטען געזעצען און רעגולאציעס פאר די קאנטראקטינג שעפער, און אויף ווי ווייט עס איז נאר מעגליך צו אראנזשירען, זאל ארבייט געשיקט ווערען אין קאנטראקטינג שעפער, וועלכע ווערען אנערקענט פון מארקעט שאפ קאמיטע. דאס זאל געטאן ווערען אזוי גיך, ווי עס וועלען געמאכט ווערען צופרידענשטעלענדיגע אראנדזשמענטס צו מאכען די ארבייט אין אנערקענטע שעפער".

אין דעם נייעם אגרימענט ווערט געזאגט דייטליך:

„פונקט 15. מיר שטימען איין, אז די ארבייט זאל געגעבען ווערען אין שעפער, וואו עס ווערען באשעפטיגט מיטגלידער פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא".

לויט דעם אלטען אגרימענט האבען די פאבריקאנטען געדארפט שיקען ארבייט אין קאנטראקטינג שעפער, וועלכע זענען אנערקענט פון קאמיטע בלויז „אויף ווי ווייט עס איז מעגליך". עס איז אפילו ניט געווען דייטליך ארייגגעשריבען, אז דאס דארפען זיין שעפער, וואו עס ווערען באשעפטיגט יוניאן מיטגלידער. דער רעזולטאט פון דעם איז געווען, אז מען האט כסדר געדארפט דינגען זיך וואס עס איז אן „אנערקענטער" שאפ און וואס ניט. עס האט פאראורזאכט סכסוכים, און די פאבריקאנטען, ווען זיי האבען נאר געפיהלט אז זיי האבען די מאכט, האבען זיי שוין געפונען א וועג ווי צו באנוצען זיך אויך מיט ניט „אנערקענטע" שעפער, און יוניאן מיטגלידער האבען דורכדעם פארלוירען א סך ארבייט.

עס איז דעריבער פון גרויס וויכטיגקייט פאר די יוניאן מיטגלידער, וואס לויט דעם נייעם אגרימענט וועלען די פאבריקאנטען דארפען שיקען זייער ארבייט בלויז אין שעפער וואו עס ווערען באשעפטיגט מיטגלידער פון דער אמאלגאמייטעד. דאס מיינט גרינדליכע יוניאניזירונג פון דער אינדוסטריע, און די יוניאן טוער האבען פון דעם פיעל געוואונען.

די פארהאנדלונגען האבען זיך געצויגען א לענגערע צייט — פיעל לענגער ווי מען האט ערווארטעט. דאס איז געווען דערפאר, וואס די פאבריקאנטען זענען ארויסגעקומען מיט א פאדערונג פאר שטיק ארבייט, וואס איז געווען אבסאלוט אונאנגענעמבאר פאר דער יוניאן. פון דער צווייטער זייט, האט די יוניאן געפאדערט די ענדערונגען פון דעם פונקט 15, וועלכער זאל פעסטשטעלען, אז די ארבייט, וועלכע ווערט צוגעשניטען אין די קאטינג דעפארטמענטס פון די פירמעס אין שטאדט, מוז אויפגעמאכט ווערען אין די שניידער שעפער פון שטאדט, אין וועלכע עס ווערען אפגעהיט די יוניאן באדינגונגען.

די פאבריקאנטען האבען אויך ארגומענטירט, אז די איצטיגע לאגע אין דער קליידער אינדוסטריע צווינגט זיי צו שטעלען אנדערע פאדערונגען צו דער יוניאן. זיי האבען זיך בארופען אויף דער קאנקורענץ צווישען פארשידענע מארקעטס. אבער זייערע פארשלאגען זענען געווען אזעלכע, וואס האבען ניט געקאנט אונטערשטיצט ווערען און זיי זענען צוריקגעוויזען געווארען.

די לאקאלס האבען דורכגעפיהרט וואהלען פאר בעאמטע און גרייטען זיך מיט פארשטארקטע כחות צו באפעסטיגען די יוניאן, און אנהאלטען די געוואונענע פאזיציעס אין טרייד.

דער רעזולטאט פון די וואהלען אין די אמאלגאמייטעד לאקאלס

אין פענטסמאכער לאקאל איז ער־ טשערמאן, מר. יאפע אלס וויים טשערמאן, מר. זשיטלאווסקי אלס סעקרעטאר.

צו דער דזשאינט באארד זענען ערוועהלט געווארען בץ, סטאלבערג, און טשייקאווסקי.

אין לאקאל 219

די בעאמטע פון לאקאל 219 זענען דזש. ביגאנעץ טשערמאן, ס. העלער סעקרעטאר, און מר. ראזענבערג, אלס וויים־טשערמאן.

די דזשאינט באארד מיטגלידער זענען ביגאנעץ, הערשמאן און סיגעל.

אין לאקאל 222

ביים לאקאל 222 איז ערוועהלט געווארען מר. פישמאן אלס טשערמאן, מר. ראסמאן אלס וויים־טשערמאן, און מר. מארקוס אלס סעקרעטאר.

אלס דזשאינט באארד מיטגלידער זענען ערוועהלט געווארען קאפלאן, גרליי, אופעלדמאן.

די וואהלען אין לאקאל 221, זענען פארגעקומען נעכטען שפעט אין אוונט.

די יוניאן פיהרער זענען זעהר צופרידען מיט'ן אויסגאנג פון די וואהלען, און טרעטען צו פאר אן אינטענסיווער טעטיגקייט אין דער יוניאן.

קלאוקמאכער פארבארייטען זיך צום קומענדען סיזאן

א. קירזשנער ערוועהלט ביזנעס אגענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן

די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן הויבט שוין אן צו מאכען פארבארייטונגען פאר'ן נייעם סיזאן, וועלכער הויבט זיך אן דעם 15־טען יולי.

ווי מר. פאליאקאוו גלויבט, איז די לאגע אין טרייד ניט אזוי גלענצענד ביים איצטיגען צושטאנד, צוליעב דעם וואס די היגע יוניאן האט ניט דעם סיסטעם פון ארבייטסלאזיגקייט אינשורענס. ווען דער סיסטעם זאל ארבייטען אויך דא, זאגט מר. פאליאקאוו, וואלט עס געווען פון גרויס נוצען פאר די יוניאן מיטגלידער.

אין קלאוק שעפער איז איצט ניט ביזי. מען גלויבט אבער אז דער קומענדער קומענדער סיזאן וועט זיין א זעהר גוטער.

דערווייל פיהרט איצט די יוניאן א סטרייקס אין פאלגענדע שעפער:

די „דזשוניאר־מייד" אין ספאדיינע עוועניו, די „פעשאן קלאוק" און אין די „ביווער קלאוק".

די בעלי בתים פון די „דזשוניאר־מייד" באנוצען זיך מיט ניט־אידישע ארבייטער אין זייער שאפ, און מיט מעטאדען וועלכע ווערען פון אנדערע ניט באנוצט.

נעכטען אוונט איז פארגעקומען א פארזאמלונג פון ענגליש שפרעכענדע קלאוקמאכער, וועלכע זוכען צו גרינדען א באזונדערען לאקאל, צוליעב דער אורזאכע, וואס זיי פארשטעהען ניט די האנדלונגען ביי די פארזאמלונגען. די פארזאמלונג איז געווען א געלונגענע און אזא לאקאל וועט געגרינדעט ווערען.

אויף מארגען אוונט ווערט גערופען א פארזאמלונג פון פובליסיטי און ארגאניזאציאנס קאמיטעט, צו מאכען די נויטיגע פארבארייטונגען פאר'ן קומענדען ארבייטס סיזאן.

א. קירזשנער ערוועהלט ביזנעס אגענט

א. קירזשנער, וועלכער איז גוט באקאנט אין די היגע ארבייטער קרייזען, און וועלכער איז א טעטיגער מיטגליד אין דער יוניאן, איז אויפ'ן פארלאנג פון מר. פאליאקאוו ערוועהלט געווארען ביזנעס אגענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

א. קירזשנער, וועלכער האט דעם אמט ניט געוואלט אננעהמען, איז פון דער דזשאינט באארד געצוואונגען געווארען אנצונעהמען דעם אמט, און ער האט בלויז צוגעשטימט, אום נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די יוניאן טוער, וועלכע זעהען אין איהם דעם פאסיגען פערזאן פאר דער ארבייט.

פארבאנד נאטיצען

בראנטש 72 פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, האט אראנזשירט אן ארויספאהר פאר די מיטגלידער אין סקארבארא בלאפס, אויף זונטאג דעם 12־טען יולי.

ספעציעלע אויטאמאבילען וועלען ווארטען פאר די מיטגלידער פאר'ן פארבאנד אינסטיטוט.

דער ש. פרוג פרויען בראנטש פון פארבאנד, האט ביי דער לעצטער פארזאמלונג ערוועהלט אלע נויטיגע קאמיטעטען פאר די קומענדע זעקס חדשים.

אין דער עקזעקוטיווע זענען ערוועהלט געווארען מרס. ספרינגער, מרס. נאטליעב, מרס. שאפירא, מרס. שטיינהויז, מרס. רובינאוו, מרס. קרוגער, מרס. פרימאן, מרס. דרוץ, און מרס. שטיינבערג.

אלס האספיטעלערין איז ערוועהלט געווארען מרס. קראוויץ.

מרס. דרוץ און מרס. שאפירא זענען ערוועהלט געווארען אלס דעלעגאטען צום שולען קאמיטעט.

דער ב. בארוכאוו בראנטש פיהרט אן אן ענערגישע טעטיגקייט צו ערעפענען די ביבליאטעק און לעזע צימער, און ווי זיי פארזיכערען וועט אין לויף פון די זומער חדשים די ארבייט פארענדיגט ווערען.

דער י. ל. פרץ בראנטש 26, האט זיי געגעבען א מתנה הונדערט דאלאר, און אלע שריפטען פון י. ל. פרץ.

דער שטאדט קאמיטעט פון פארבאנד פארענדיגט אלע ארבייטען צוזאמען מיט אלע פינאנציעלע אונטערנעהמונגען, און הכנות ווערען שוין געמאכט צום יעהרליכען קאנפערעץ פון די בראנטשעס, וואס וועט פארקומען אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער.

אין די בראנטשעס ווערען איצט ערוועהלט דעלעגאטען, וועלכע זאלען צוזאמענשטעלען דעם שולען קאמיטעט.

די שולע ווערט ערעפענט גלייך נאך די זומער וואקאנציעס.

א. פ. אף ל. פאדערט סעקרעטערי קעלאג'ס נאטע צו מעקסיקא

סעקרעטערי אוו סטייט קעלאג'ס פאליסי אין באצוג צו מעקסיקא און זיין לעצטע נאטע צו דער מעקסיקאנער רעגירונג, איז שארף פארדאמט געווארען פון וויליאם גריען, דער פרעזידענט פון אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר.

„די אמעריקאנער ארבייטער וועלען ניט שטיצען די מעקסיקאנער פאליסי פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וועלכע איז א פאליסי פון רעטען דעם דאלאר", האט דער פיהרער פון די אמעריקאנער ארבייטער ערקלעהרט.

„עס איז אונגלויבליך אז די רעגירונג זאל מיט איהר מעקסיקאנער פאליסי, פיהרען דערצו אז א נייע רעוואלוציע און פרישע בלוט פארגיסונג, זאל פארקומען אין מעקסיקא אונטער פרעזידענט קאיעס", האט ער געזאגט.

יעדער איד דארף פאטראניזיען
די קווין $ טעקסי
MAIN 0009



די בילינסטע פרייזען אין שטאדט.
קורצע ראנס 4 פאסאזשירען 50ס.
4 פאסאזשירען פון עני טייל שטאדט צו עני פלאץ אין שטאדט בלויז $1.00. קיין ראן איבער א דאלאר.
4 פאסאזשירען א שטונדע $1.75
טעלעפאנירט מיין 0009, און מיר קומען צו אייך אין 3 מינוטען.

שלום עליכמ'ס
אלע ווערק
איין ($1) דאלאר א וואך אויסצוצאהלען. זיך ווענדען צו:
בן ציון היימאן
59 סיסעל סטריט
טעלעפאנירט טריניטי W 8442
אדער טריניטי W 4017

CANADIAN PACIFIC
שיפסקארטען
ווען איהר שיקט נאך אייערע פריינט פון אייראפא אדער איהר ווילט פאהרען נאך אייראפא דיינסט וועגען דער
קענעדיען פאסיפיק שיפס־געזעלשאפט
א דירעקטע פארבינדונג פאר אירגענד וועלכען לאנד אין אייראפא. אינטערפרעטערס ווערען באזארגט. כשר עסען פאר אימיגראנטען, ארענטליכע, פאראנטווארטליכע באגלייטער מיט יעדען טראנספארט. נאך אינפארמאציע ווענדעט זיך צו אונזערע אויטאריזירטע לאקאלע אגענטען.
דזשיי. א. פארקער
גענעראל פאסאזשיר אגענט
1 קינג סט. איסט, טאראנטא.
עדלייר 2105

צו אלע אידען!
ווארום זאלט איהר זיך פייניגען מיט מעדיצינען, פון וועלכע עס איבעלט ווי קאסטאר אויל אדער ביטער־זאלץ, ווען איהר קענט עסען
טשאקאלעקס
וואס ווירקט אויפ'ן מאגען וואונדערבאר און נאך בעסער. עס איז ווי ריכטיגע מילך טשאקאלאד — א מאכל צום עסען. גוט פאר מענער, פרויען און קינדער — נעמט ניט קיין אנדערע.
איהר קענט עס קריגען אין 15 און 25 סענט באקסעס ביי אייער דראגיסט. בעט פאר א פרייען סעמפעל
אויב איהר קענט עס נישט קריגען ביי אייער דראגיסט, טעלעפאנירט טריניטי 3990 אדער טריניטי 6915.
THE CHOCOLAX CO.

DOMINION
STORES, Limited
קאנאדע'ס גרעסטע ריטעיל סטארס
פארשפארט ארומגעהן איינקויפען אין דער היץ
די קלוגע הויז פרוי געפינט אויס, אז עס איז פיעל באקוועהמליכער צו באשטעלען איהר גאנצען גראסערי ארדער פאר דער וואך, אין דער נאהענטסטער דאמיניאן סטאר. דאס איינשפאראכץ איז זיכער און דאס לעסטיגע ארומגעהן איינקויפען אין דער היץ איז בעפרייט. מאכט אויס אייער ליסט און גיט דאס איבער צו דעם מענעדזשער.

זייף	פי. און דזשי. אדער נאלד	10 בארס 53 ס.
סוואנסדאון קעיק מעהל	מאכט געשמאקע קוכענס	38 ס. פעקעל
קאפע	ספעשעל בלענד	53 ס. א פונט
4 פ. טין מארמאלאד	שיריפס אראנדזש	65 ס.
יוטלאנד סארדינס		3 טינס 25 ס.
קענד סטראבעררים	אין שווערען סירופ	טין 25 ס.
סעמאן	זאנפטיג פינק מילסטרעם	1 פונט 2 פאר 29 ס.
טיי	פראבירט אונזער גאנצע דאס איז זעהר א זאפטיגער בלענד פון אינדיאנער טייען	59 ס.
טשיפסא		9 ס. און 23 ס.
סערטא	זוכער דזשעל	29 ס.
שרימפס	ניי געפאקטע	25 ס.

קאפענמאכער סטרייק שוין באלד געשליכטעט

בלויז א קליינע צאהל מיטגלידער אהן ארבייט

דער קאפענמאכער סטרייק, איז פארענדיגט געווארען שנעלער ווי ערווארטעט. די פיהרער זעלבסט זענען איבערראשט פון דעם שנעלען סעטעלמענט וועלכער איז געמאכט געווארען מיט דער יוניאן. און אלע גרעסערע שעפער זענען איצט אונטער יוניאן קאנטראל.

בלויז א קליינע צאהל ארבייטער זענען פארבליבען ניט געסעטעלט, וועלכע ווערען אויפגעהאלטען פון די ארבייטער וועלכע האבען זיך ערפאלגרייך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט.

מען צאהלט שוין סטרייק בענעפיט די פאריער

מאנטרעאל, — דער דזשענעראל סטרייק פון די פאריערס אין מאנטרעאל, ווערט איצט אנגעפיהרט מיט נאך מעהר ענערגיע און לעבען ווי אין דעם ערשטען טאג וואס ער איז ארויסגערופען געווארען.

פרעזידענט מאריס קויפמאן, פון דער פאריערס אינטערנעישאנעל, וועלכער איז אהער אנגעקומען לעצטע וואך, האט אוועקגעשטעלט די סטרייק ארבייט אויף א געזונטען באדען. ער האט אויסגעארבייט פארשידענע פלענער פאר'ן סטרייק און האט געהאלפען זיי דורכפיהרען. מען האט אנגעפאנגען צאהלען סטרייק בענעפיט — צעהן דאלאר צו פארהייראטע ארבייטער און זיבען דאלאר צו סינגעל לייט.

פארלאנגטע וואלונטירען

דער קאמיטעט פאר'ן מיינער סטרייק אפעלירט פאר וואלונטירען. וועלכע זאלען העלפען ערפאלגרייך דורכפיהרען ד הויז צו הויז זאמלונג וועלכע קומט פאר דעם 5־טען יולי.

די סטרייק ליסטען ווערען זעהר גוט אויסגעפילט, עס קומען אריין סומען געלט, וועלכעס איבערצייגט אז דער עולם ענטפערט דעם רוף צו העלפען די סטרייקער, און וואלונטירען וועלען זיכער העלפען מאכען די זאמלונג פאר אן ערפאלג.

דסר ארויספאהר סיין נייאגרא

מיטגלידער פון דער פועלי ציון פארטיי פון די שטעדט טאראנטא, האמילטאן, באפאלא, און ראטשעסטער, וועלען זיך צוזאמענטרעפען זונטאג דעם 5־טען יולי אין נייאגרא פאלס.

דער ארויספאהר איז אראנזשירט אום באקאנט צו מאכען די חברים פון די פארשידענע שטעדט.

ביים פרויען פיאנערען קלוב

דער ניי־געגרינדעטער פרויען פיאנערען קלוב, האט אראנזשירט א גארדען פארטי און קאנצערט אויף קומענדען דינסטאג, דעם דרייסיגסטען יוני.

נאכ'ן קאנצערט וועט פארקומען פליהענדע פאסט און אנדערע פארוויילונגען.

די אונטערנעהמונג קומט פאר אין ציון האל, אויף בעווערלי סטריט.

מרס. קאלדראווסקי איז די סעקרעטארין פון דער אונטערנעהמונג.

ניט אלע האבען דעם זעלבען מזל

פאר ריכטער דענטאן זענען נעכטען פארגעקומען צוויי אפיעלס געגען דער ענטשיידונג פון צוויי באזונדערע ריכטער.

מאקס קליגערמאן האט זיך באקלאגט אז ריכטער דזשאנס האט איהם פארמשפט צו באצאהלען 500 דאלאר פאר פארקויפען משקה.

סעם ליטאווסקי האט זיך באקלאגט אז ריכטער בראון האט איהם באשטראפט מיט 200 דאלאר פאר האלטען בראנפען אין אן אומגעזעצליך הויז.

ריכטער דענטאן האט גע'פסק'נט, אז קליגערמאן דארף משלם זיין. סעם'ן אבער האט ער געשיינקט די 200 דאלא־ ווייל ער האט באוויזען אז ער האט דאס „ביסעלע" געקויפט ביי דער רעגירונג אליין.

טריידס און לייבאר קאנגרעס סוף אויגוסט

ווי א באריכט פון אטאווא מעלדעט, וועט דער טריידס און לייבאר קאנגרעס, האבען די יעהרליכע קאנווענשאן אין אטאווא, און די זיצונגען וועלען זיך אנ־

וועלכע קריגען פריוועלעגיעס ביים קאלאניזירען זיך אין אוקראינא

ווינא (איטא)

די אידישע פאגראם געליטענע וואס געפינען זיך אין אוקראינא און ווילען זיך באזעצען אויף ערד וועלען קריגען געוויסע פריוועלעגיעס, איז די ערקלעהרונג וואס דער קאמיסאריאט פאר אגריקולטור אין אוקראינא האט געמאכט.

איינע פון די פריוועלעגיעס ווערט געמאלדען, וועט זיין אז אנשטאט צו צייגען דריי הונדערט רובעל ווען מען רעגיסטרירט זיך מיט'ן צוועק צו קריגען ערד, וועלען די געליטענע פון פאגראמען דארפען צאהלען בלויז 2 הונדערט רובעל. זיי וועלען אויך קריגען אנדערע פארגריגערונגען, דערפאר ווייל די אוקראינישע רעגירונג פיהלט זיך שולדיג פאר די פאגראם געליטענע און וויל פארגיטיגען זייער עקאנאמישע לאגע.

תיקון טעות

א פארדריסליכער טעות איז געמאכט געווארען אין א נעכטיגען באריכט אונזערען וועגען דעם טויט פון מייק מארמאנדיק, א פאליאק.

ווי ס'ווערט אונז איבערגעגעבען, איז דער פארשטארבענער געווען א איד מיט'ן נאמען מידאניק, און איז געבראכט געווארען צו קבורה אויף דער סענטער

ווי אמאל

מיידעל: — נעהמט איהר אנדערע מיידלאך אויך אויס אויף אזעלכע לאנגע שפאצירען.

יונגערמאן: — ניין, ניט אלעמאל איז דאס נויטיג.

איהר אמת'ער עלטער

כלה: — וויפיעל דיינקסטו בין איך אלט?

חתן: — אז דו שווייגסט זעהסטו אויס א יאהר 20 און ווען דו נעהמסט רייידען זעהסטו אויס נאר ווי א בייבי...

וועלכע האר וועט לעבען?

דאס איז א קלוגער פערזאן. בלויז אן ערנעהרענדע פרוכטבארקייט געגעבען די האר און בלויז סעווען סאוטערלאנד סיסטערס שאמפו האט אויסגעריינינגט דעם סקאלפ.

פערמיידט שאמפו'ס וועלכע דארפען א שטארקע איינרייבונג פון די האר, וואס רייסט ארויס אלע נייע האר ווארצלען, פונקט ווי מ'ריינינגט אויס א ניי פארזעהטען גארטען.

ס'איז ניטא קיינע איבעריגע אלקאהאל אין די סעווען סיסטער רפואה צו אויסטריקענען די האר און אויפהערען דעם וואוקס. גוט פאר אויליגע סקאלפס אויך.

נייער סיסטעם פון האר אפהיטונג האלט דעם סקאלפ און די ווארצלען געזונט.

אפילו ווען אייערע האר פאלען שטארק אויס, און זענען אין שלעכטען צושטאנד, קענט איהר ברענגען צוריק אייערע האר צום גלאנץ און שטארקייט. סעווען סאוטהערלאנד סיסטערס רפואה שפייזט די ווארצלען מיט פרוכטבארקייט, און שאפט א קארעקטע ריינינגונגס סיסטעם פון שאמפואינג.

פארהיט די האר וואס איהר האט. פארמיידט ווייטערדיגע אויספאלונג; באזייטיגט דענדראף. טויטעט די באצילען וואס פאראורזאכען א פליך און פארבארייטעט א נייע וואקסונג דורך סיסטעמאטישער נאכפאלגונג פון אונזער נייעם פלאן פון האר אפהיטונג. פרעגט אייער דראגיסט.

שיקט פאר א פרייען סעמפעל

א סעמפעל פון דיזען נייעם טריטמענט ווערט געשיקט אומעטום פריי. אדרעסירט, די סעווען סאוטהערלאנד סיסטערס, 193 ספעדיינע עוו., טאראנטא. האר ספעציאליסטען פאר איבער פופציג יאהר.

זיכערע פארבעסערונג נאכ'ן באנוצען דיזען סעמפעל.